— דערנאָך איז מיר געוואָרן פֿון דעם ליכט אַזוי גוט, אַזוי לײַכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך װעג גאָר נישט, אַז מײַן גוף האָט די װאָג פֿאַרלוירן, אַז איך קאָן פֿליִען...

— אָט! אָט!

— דערנאָך בין איך געוואָרן לוסטיק, לעבעדיק, לאַכנדיק... דאָס פּנים האָט זיך מיר נישט גערירט, די ליפּן אויך נישט, און איך האָב דאָך געלאַכט... און אַזוי גוט, אַזוי האַרציק, אַזוי נחתדיק געלאַכט!

— אָט! אָט! אָט! — מתּוך שׂמחה!

— דערנאָך האָט עפּעס אין מיר געברומט, ווי אַן אָנהייב פֿון אַ ניגון געברומט.

דער ראש־ישיבֿה איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זײַן באַנק און איז מיט אַ מאָל געווען בײַם תּלמיד:

— נו... נו!

— דערנאָך האָב איך געהערט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבן זינגען!

— וואָס האָסט דו געפֿילט? וואָס? וואָס? זאָג!

— איך האָב געפֿילט, אַז אַלע חושים זײַנען מיר פֿאַרשטאָפּט און פֿאַרמאַכט, און עפּעס אינעווייניק זינגט... און אַזוי ווי מען דאַרף — נאָר אָן ווערטער, אָט אַזוי...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי?!

— ניין, איך קאָן נישט... פֿריִער האָב איך געוווּסט... דערנאָך איז פֿונעם זינגען געוואָרן... געוואָרן...

— וואָס איז געוואָרן — וואָס?...

— אַ מין שפּילן... גלײַך, להבֿדיל, איך וואָלט אינעווייניק אין מיר אַ פֿידל געהאַט אָדער גלײַך יונה כּלי־זמר זאָל אין מיר זיצן און שפּילן זמירות, ווי בײַם רבין צו טיש! נאָר עס האָט געשפּילט נאָך בעסער, נאָך איידעלער, מיט נאָך מער רוחניות! און אַלץ אָן אַ קול, אָן אַ שום קול — סאַמע רוחניות!...

— וויל איז דיר! וויל איז דיר! וויל איז דיר!

— ציינד איז אַלץ אַוועק! — מאַכט טרויעריק דער תּלמיד, — עס האָבן זיך מיר צוריק געעפֿנט די חושים און איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד, אַ־זוי מי־ד!... אַז איך...

— רבי! — האָט ער ראַפּטעם אַ געשריי געטאָן, זיך אָנכאַפּנדיק בײַם האַרץ — רבי! זאָגט מיט מיר ווידוי! מען איז געקומען נאָך מיר!... עס האָט דאָרט אין פּמליא של מעלה אַ זינגערל פֿאַרפֿעלט! אַ מלאך מיט ווײַסע פֿליגל!... רבי! רבי! שמע ישׂראל! שמעעע... ישׂ...

*

דאָס גאַנצע שטעטל, ווי איין מענטש, האָט זיך געווונטשן אַזאַ טויט. נאָר פֿאַרן ראש־ישיבֿה איז נאָך ווייניק.

— נאָך אַ פּאָר תּעניתים — קרעכצט ער — וואָלט ער שוין געשטאָרבן בנשיקה[10]!

1894

---

[1] צעשפּיליעטע, אָפּגעדעקטע (אין אומאָרדענונג, צעקאָכט).

[2] פּייניקונגען, מיט וואָס מקובלים האָבן זיך באַנוצט, אויף צו דערנענטערן זיך צו גאָט, צו שלימות („בסיגוף ובתעניות וביסורין", קבלת רבה, ג').

[3] אייבערשטע סוויטע, דעם רבונו של עולמס באַגלייטערס. — [4] טויער (פֿון הימל).

[5] הויך, וואָלקן. — [6] הוילע אַסלעס. — [7] הייטל.

[8] אַ געדאַנק אַרויסגעשווומען.

[9] מיסטישע קאָמבינאַציעס פֿון אותיות, ווערטער, מיט דער כּוונה צו דער־גיין די געטלעכע סודות פֿון דער וועלט, וואָס מ'קען מיטן פּשוטן שׂכל נישט באַנעמען.

[10] (זיסער טויט) מיט אַ קוש, אַ זכיה ביי גאָט, ווי אַ שׂכר פֿאַר אַ דער־הויבן לעבן.